# ברוך אתּה

## אַבֿרהם רייזען

ברוך אתּה, זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט.
און די שטראַלן, מילדע פֿאַלן.
אויף זײַן בלאַס געזיכט.

און אַ פֿײַער, הייליק, טײַער
אין די אויגן לײַכט.
און דער מידער מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלײַכט.

און עס דאַכט זיך און עס טראַכט זיך:
ס׳איז נאָך עפּעס דאָ,
ס׳איז געבליבן וואָס צו ליבן,
הייליק איז די שעה.

אַלטע קלאַנגען, לאַנג פֿאַרגאַנגען,
ניין, ס׳קלינגט נאָך אַצינד.
זינג זשע, טאַטע, ברוך אתּה,
און איך בלײַב דײַן קינד.